Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

Zaṿl rimer

# Menaḥem
# מנחם

Ṿarshe, 1923

דאָס פינפטע קאַפּיטל

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8195

Visual Library

## דאָס פינפטע קאַפיטל

ערשט הויבט זיך אָן אַ לאַנגער שנור פון טעג,
פון וועלכע זאַול האָט דערנאָך אַמאָל אַזוי געזונגען:
מיין לעבן ציט זיך ווי אַ שמאָלער טראָטואַר
ביים זייט פון ברייטן וועג,
און ס'טרעטן איבער אים, ווי פרעמדע לייט
די שעהן און די טעג.

אין אָסיען פאַלן בלעטער, ווינטער פאַלט אַ שניי,
און זומער – שטויב פון גאַס,
אין זונשיין איז ער ליכטיק, אונטער כמאַרעס טונקל,
און פון דעם רעגן נאַס.

צמאָל צעטרייסלט אים אַ שטאַרקער ווינט אַ ווייל,
דערנאָך ווערט ווידער שטיל.
און ס'ציט זיך ווייטער ווי דער שמאָלער טראָטואַר
מיין לעבן אָן אַ ציל.

דאָס איז געווען שפּעטער שוין, ווען מיטן גאַנג פון צייט
האָט זיך דאָס אויפגערודערטע צוריק אַראָפּגעזעצט,
און ס'האָט דער טעם פון דורכגעלעבטן אומרו אים באַוויזן

די שטילע פלאַך, וואָס אונטער אים און פאַר אים.
פון אָנהויב אָבער האָט ער דאָס אויך נישט געזען.
דאָס שוין פאַרגאַנגענע געשראָקן זיך צו מינסטערן
און אין דעם קומענדיקן נישט פאַרקוקט. געלעבט זיין טאָג,
און וואָס דער טאָג האָט אָנגעגרייט פאַר אים, דאָס איז געווען.

דריי וואָכן נאָך שבועות איז אַהיים געקומען מישאַ.
גקעומען איז ער מיד, אַרומגעשפּרייזט כסדר
פון שטוב צו זיך אין צימער און צוריק און אָנגעשטעקט
דאָס גאַנצע הויז מיט אומרו. איז מען אומגעגאַנגען
אויף שפּיצן פינגער, און דערווייל האָט זאַוול אָפּגעלאָזט
די קליינע ליזע און זי אויפגעהערט צו לערנען.
דאָס האָט אים גוט געטאָן, ווייל נישט נאָר מישאס קומען
האָט שווער געמאַכט דאָס הויז, נאָר פריער נאָך, וואָס בעקאַ
פלעגט אויסמאַרקירן נישט צו טרעפן זיך מיט אים.
ס'איז רעכט געווען פון איר. ער וואָלט אַליין נישט וועלן
זיי זאָלן בלייבן אויג אויף אויג. איז בעסער שוין אַזוי,
ווי טרייבן זי פון הויז. אַוועק אַ וואָכן צוויי –
און מ'האָט געשיקט אים רופן. היה ריווע איז אַריינגעפאַלן
צו זען די מומע כלומרשט, און דערווייל געלאָזן וויסן,
אַז עפּעס דאַרף מען דאָרטן זאַוולען היינט. און טאַקע.
כ'ען האָט געוואַרט מיט וועטשערע און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט,
אַז מישאַ האָט געקויפט בילעטן אין טעאַטער
פאַר אַלע דריי: פאַר זיך, דער שוועסטער און פאַר זאַוולען.
ס'איז קלאָר געווען, אַז ער האָט זיך דערוואוסט פון עפּעס,
נאָר אויפן וועג האָט זאַוול דאָך אַ זיכערקייט געקראָגן,
אַז בעקאַ האָט נישט אַלץ פאַרכרויט, און האָט דערפילט
אַן איבערהאַנט איבער דעם קלוגן בחור, וועלכער פירט זיי,
ווי ס'פירט אַן עלטערער צוויי קינדער נאָך אַ קריג,
אָט זאָל ער מיינען, אַז ער ווייסט! און גלייך איז אויפגעקומען,
אַז מיטן וויסן כאָטש אַ ביסעלע ווערט מישאַ שוין

אַ דריטער צו דעם סוד, און ס'איז דער סוד געוואָרן טיפֿער,
ווײל אָט־אָ ווייסט אַ דריטער און ער ווייס נישט אַלץ!

אַרײַן אין הילצערנעם טעאַטער, אויסגעזעצט זיך,
און זאַוול האָט גענומען זיך אַרומקוקן און וואַרטן
ביז ס'וועט זיך אויפֿהויבן דער אויסגעמאָלטער פֿאָרהאַנג
און ער וועט זען באַשײַנפּערלעך דאָס אַלץ, וואָס פֿלעגט זיך מאָלן,
ווען ליגנדיק באַהאַלטן צווישן ביימער און די מאָדנע זאַכן,
וואָס דאָס טעאַטער שטעלט אַרויס. פֿלעגט ער בלויז כאַפּן
צו שטיקלעכווייז נגונים דורך די ברעטערדיקע ווענט.
מ'האָט אויסגעלאָשן, דער אָרקעסטער האָט אַ שפּיל געטאָן,
דערנאָך האָט זיך דערהערט געזאַנג פֿון הינטער פֿאָרהאַנג,
און נאָך אַ ווײַל, און ס'איז אַ דאָרף מיט שקצים און מיט שיקסעס
געשטאַנען זינגענדיק. מיט מויל און אויערן איז זאַוול
אַוועק אַהין און אויס געוואָרן. ערשט דערנאָך,
ווען ס'האָט דער יונגער קאָזאַק אָנגעהויבן זינגען
זײַן ליבע־ליד צו דער קאָזאַטשקע אינעם פֿענסטער.
און הינטער אים האָט אויפֿן שאָקלדיקן לײַוונט,
באַמאָלן מיט אַ דאָרף און טײַכל, זיך גענומען רוקן
אַ האַלבע זילבערנע לבֿנה און מען האָט דערהערט
די זשאַבעס קוואַקען אינעם טײַכל אויפֿן לײַוונט, —
ערשט דאַן האָט ער דערפֿילט, אַז אַזאַ גרויסע שיינקייט
איז צופֿיל פֿאַר אַ מענטשן צו פֿאַרטראָגן גאָר אַליין,
און זיך גענומען שרעקן, טאָמער כאַפּט נישט בעקאַ אַלץ
און קאָן חלילה עפּעס דורכלאָזן. האָט ער אַ קוק געטאָן,
ערשט אירע אויגן זענען אויך אײַנגעגאַנצן דאָרט, —
און דאָס וואָס ביידנס אויגן קוועלן פֿון דעם זעלבן
און וואָס אַ דריטער וואַכט איבער זיי ביידן און אַ סוד
פֿאַרייניקט זיי, — האָט אַ געפֿיל געבראַכט, ווי ביירע,
באַשערט איינס פֿאַרן צווייטן, זאָלן איצט נאָך לאַנגע טעג
פֿון לייד און ראַנגלעניש צום ערשטן מאָל די רו געפֿינען
און זײַן צוזאַמען פֿרײַ.— — — דער פֿאָרהאַנג איז געפֿאַלן,

באַקאַנטע זענען צוגעקומען, און ווען מישאַ איז אַרויס
און ביידע זענען אין דער ליכטיקייט אַליין געבליבן,
האָט זאַוואָל נישט געוואוסט, וואו היינצוטאָן די אויגן,
ביז בעקא האָט געפרעגט: — געפעלט עס אייך?
— ס׳איז זייער שיין. — די פרימאַדאָנע מוז שוין זיין נישט יונג.
דאָ כאַפּט ער זיך. אַז נאָכנישט אַלץ, וואָס איז געווען שיין,
איז שיין געווען, און מיט דער יונגער זינגערין פון דאָרט,
וואָס אויף אַן אמת איז זי אַלט, ווערט נאָך עפּעס צערונען.
ביים צווייטן אַקט איז ער שוין אומרואיק און ווייס נישט,
צי דאַרף אים זיין געפעלן דאָס, וואָס אים געפעלט.
דאַן מאַכט ער אָפּ נישט אומצוקוקן זיך אויף בעקאַן, און בלייבט זיצן
מיט אויגן צו דער בינע, נאָר דער אומרו לאָזט נישט אָפּ.
ס׳קומט ווידער דער אַנטראַקט און מישא גייט אַוועק.
זאָגט בעקא: — עפּעס איז דער מער מיט מישאַן.
כ׳האָב מורא — ער האָט עמיצן געלאָזן דאָרט.
אודאי אַ געליבטע, ניין? — וואָס קאָן מען וויסן?
און ביי דעם נייעם פאָרהאַנג בלייבן זיי אַליין
און מישא איז נישטאָ, מסתמא גייט ער דאָרט שפּאַצירן
אין סאָד אויף די אַלייען. ס׳הייסט, אים גייט נישט אָן
דאָס שפּיל צו זען. דאָס האָט ער נאָר פאַר זיי געטאָן,
און זיי — זיי זיצן שווייגנדיק, און מיט דעם דריטן פּלאַץ
אַ ליידיקן ביים זייט פילט זאַוואָל עלנט און פאַרלאָזט
און ווייס נישט, פאַרוואָס קומט עס אים, מען זאָל אים לאָזן
אַליין מיט דער, וואָס טוט אים אַזוי וויי. שוין בעסער
ביינאַכט אויפן געלעגער טראַכטן וואָס ער טראַכט פון איר
דער ווייטער, אָפּגעשניטענער, ווי זיצן דאָ מיט איר אַזוי.
ביז ס׳ענדיקט זיך דאָס שפּיל, און ווען מען גייט אַהיים
שוין ווידער אַלע דריי, טראַכט זאַוואָל, אַז ס׳איז מאָדנע,
ווי מענטשן זענען איינס צום אַנדערן: זאָט ווילן זיי טאָן גוטס
און טוען וויי און ווייסן נישט דערפון און מוזט זיי ליב האָבן
און ווייטאָקן אויף דעם.

ער טראַכט אַזוי די נאַכט
און אפשר נאָך אַ טאָג און צוויי. דערנאָך פאַרלירט זיך עס.
און שפּעטער, ווען ער זעט זיך גיין מיט בעקאַן אין טעאַטער,
איז מישאַ שוין נישטאָ. אַליין גייט ער מיט איר,
און ס'איז אַן אַנדער שטאָט און דאָס טעאַטער איז אַן אַנדערס
און קיינער קען זיי נישט. אַ פרעמדע וועלט אַרום,
און נאָר זייביידע זענען אייגענע. און בעקאַן אַרט נישט מער
די אַלטע זינגערן און ס'אַרט איר גאָרנישט, בעקאַן — — —

ער קומט אין הויז צו זיי, באַגעגנט זי, די זעלביקע,
נאָר ס'מאַכט נישט אויס. די בעקא פון די אָוונטן
אין ווייטן, נישט-געזעענעם טעאַטער — יענער אַרט נישט מער,
וואָס דאָ די בעקא טוט. אָט זאָל זי שמייכלען בלויז.
צי גאָר אים נישט באַמערקן. ווען גייט עס אָן?
זי קאָן אַפילו גאָר אַוועק אינגאַנצן פון דער היים.
אַוועקפאָרן — צום חתן, לאָמיר זאָגן — מהיכא תיתא.
ער וועט אַליין באַגלייטן זי צום באַן, וועט ער,
און זאָגן: — פאָרט געזונטערהייט! וועט קומען אומגעריכט,
ווען אַלע וועלן זיך געזעגענען, און געבן איר אַ האַנט
און זאָגן: — פאָרט געזונט. יאָ פאָרט געזונטערהייט. . .

דערווייל האָט אינדערהיים זיך אָנגעיאָגט אַ ווילדע זאַך.
פון העלער הויט האָט טאַטע-מאַמע זיך דערמאָנט,
אַז זאַוול איז דער עלטסטער זון אין הויז און מ'איז געקומען
צו אים נאָך פשרות צווישןביידן. אָנגעהויבן
פון איציקן, דעם קלײנעם יינג, וואָס איז דעם זומער
שוין צען געוואָרן און ס'איז צייט פאַר אים
צו עפּעס נעמען זיך. פאַרשטייט זיך, אַז דער טאַטע
האָט שוין געהאַט אַ בעל-מלאכה אויפן אויג
אים אָפּצוגעבן, נאָר די מאַמע האָט זיך איינגעשטעלט:
— זי וויל דעם יינג אין שקאָלע שיקן. — שקאָלעס גאָר!
איך קאָן נישט קאָרמענען אומזיסטע פרעסערס!

דאָס איז געווען דעם טאַטנס נוסח איינמאָל ביי אַ וועטשערע
און נישט צום ערשטן מאָל, זעט אויס. האָט זיך די מאַמע
צו זאַוולען אָנגערופן: — וואָס זאָגסטו עפעס דערצו?
עס איז געווען אַ ווילדע נייעס, מען זאָל צו אים
נאָך עצות קומען, האָט ער אָנגעקוקט: — וואָס ווייס איך?
נאָר אַז דער טאַטע האָט אַ זאָג געטאָן: — דו קוק נאָר אָן
וואָס פאַר אַן עצה־געבער זי האָט זיך געפונען! — האָט שוין זאַוול
באַקומען לשון און געזאָגט: — אויף ביכער און באַקליידן אים
וועל איך שוין אויסלייגן. — דערביי איז עס געבליבן,
און ס'איז די מאַמע מיטן יינג אַליין אַוועק צומאָרגנס
פאַרשרייבן אים אין שקאָלע. זאַוול האָט געהאַט הנאה,
וואָס ער האָט אָפגעטאָן דעם טאַטן, דאָך דערשראָקן זיך:
— מען קומט צו אים נאָך עצות, ער דאַרף ענטפערן און אַלץ...
וואָס ווייס ער, וואָס?

באָר איציק איז געווען בלויז
אַ פאָרשפיל צו דער אמתער מחלוקה פון דערנאָך,
ווען מיט די נאָענטע ימים־טובים האָט זיך אָנגערוקט
די פריזיוו־צייט פאַר משהן, און אין אָוונטן,
ווען ער אַליין, דער תכשיט, האָט זיך אומגעשלעפט,
ווי אים וואָלט עס נישט אָנגעגאַנגען, האָבן טאַטע־מאַמע
אַרומגעריסן זיך: פאַר איר איז רעכט געווען,
ער זאָל כאָטש מאָרגן ציען קיין אַמעריקע — נישקשה,
אַ שניידער־יינג וועט זיך דאָרט אָפזוכן זיין ברויט.
דער טאַטע אָבער האָט געטענהט, אַז ער וועט נישט גיין
דעם קאָפ פאַרזעצן אָפצוצאָלן די דריי הונדערטער פאַר אים,
און ס'וועט אים, דעם בנאָק, חלילה גאָרנישט אָפקומען.
אַז ער וועט אויסדינען דעם קיסר די דריי יאָר.
טאָג־איין, טאָג־אויס די זעלבע טענות — און ווען זאַוול וואָלט געקאָנט
זיך בייטן מיט דעם משהן, אָדער אים אַוועקגעבן
די אייגענע די קורצע פיס, וואָלט ער עס שוין געטאָן — און פטור!
ווייל ווען ער הערט דעם נאָמען, איז ער מער ווי זיכער,

אַז יענער וואַלגערט זיך אין גרינעם געסל מיט די יינגען,
און ס׳בליצט אים אויף, אַז איצטער גראָד
זיצט משה׳ ביי אַ טישל און דערציילט דאָרט מעשיות
פון ברודער מיטן פידלע און מיט דער רייכער טאָכטער, —
און זאַוולס פנים פלאַמט. קאָן זיין, עס פלאַמט אַזוי
נישט בלויז פון חיזק, נאָר נאָך מער פון שאַנד פאַרגראָבענעם,
פון שאַנד פאַר דעם נישט־גוטן אומרו, וועלכער קומט
מיט דער געדעכעניש פון גרינעם געסל, און ס׳איז משה דער,
וואָס ברענגט אַהער דאָס געסל. וויפל מאָל ביינאַכט,
ווען ער רירט אָן דעם ברודער אומגערן אין שלאָף,
דערפילט ער, אַז ער קאָרטשעט זיך צונויף און רוקט זיך אָפּ
ווי אָפּצוטרייסלען עפּעס, וואָס איז שוין אין אים
און נאָגט מיט אַזאַ אומריינער נישט־גוטקייט. . .
איצט דאַרף ער זיצן, צוהערן — און ס׳איז נישטאָ אפילו
וואו הינצוטאָן זיך, וואו אַנטלויפן אין די אָוונטן,
ווייל אויפן גאַס איז אומעטיק און דאָרט אין הויז
איז אַלץ פאַרטומלט מיט הכנות צו אַ חתונה, מען פאָרט אַוועק,
מען קומט צוריק, עס קלאַפּן ניי־מאַשינען גאַנצע טעג,
און בעקא מעסט און פריידע פּאָרעט זיך און מישא גייט אַרום
ווי נישט קיין היימישער אין שטוב — ער איז אַליין צופרידן,
ווען ס׳ענדיקט זיך די שעה מיט ליזען און ער קאָן אַנטלויפן.

די חתונה ביי בעקאַן איז געווען אויסגעשטעלט
אויף זעקס וואָכן נאָך סכּות, גראָד אין פּריזיוו־צייט,
נאָר זאַוול האָט געוואוסט פון פריער, אַז מ׳האָט אָפּגעמאַכט
אַרויסצופירן עס דאַנעבן אויף אַ סטאַנציע,
און ס׳איז געווען בעסער דאָ צו וואַרטן מיט דער מאַמען
אין דרויסן פאַר דער דומע, וואו דער פּריזיוו איז געווען,
ווי ער זאָל דאַרפן הערן קלעזמער שפּילן היינט אין הויז
און אפשר דאַרפן זיין אַ גאַסט. ניין, בעסער דאָ
זיך שטויסן צווישן יידן, יידענעס און קינדער,
זיך טאָפּטשען אינם שניי און פאַלן אויפן גליטש

און טראַכטן וואָס עס טראַכט זיך... ביז פּאַרנאַכט,
ווען משה איז אַרויס און אָנגעזאָגט די בשורה
און מ׳איז אַהיים אַוועק. אַליין אין הויז אין אָוונט,
און איצטער שפּילן קלעזמער דאָרט די כּלה צו באַזעצן
און באַלד וועט חתן־כּלה צו דער חופּה גיין.
די מאַמע פּאָרעס אום ביים איינגעהייצטן אויוון,
די טרערן רינען פונעם פּנים אויפן יאַקל, און דער ברעג
פון סיצן טיכל אויפן קאָפּ איז פייכט און שווער
פון ווישן זיך טרערן. בעסער זיצן דאָ אין טונקל
פון רויכערדיקן לעמפּל, קוקן ווי עס פלאַקערן
די שייטלעך האָלץ אין אויוון, קוקן... און דאָרט טאַנצט מען שוין
און קלעזמער שפּילן אַ קאַדריל...

ביינאַכט איז משה
אַהיים געקומען שכּור און גערעוועט אויפן קול
און ס׳האָט די מאַמע אים געדאַרפט אַוועקלייגן און אויסטאָן.
אויף מאָרגן נאָכאַמאָל. אַ גאַנצן טאָג זיך אומגעשלעפּט
פון שענק אין שענק אַריין מיט שכּורע רעקרוטן און ביינאַכט
געקומען און געטאַנצט. האָט שוין די מאַמע אָנגעהויבן ציילן
די טעג, וואָס ער דאַרף בלייבן. ס׳איז אַריבער שבת,
און מאָנטאג אָוונט האָט זיך זאַוול אויסגעקליבן
גיין זאָגן מזל־טוב אין הויז. דערציילט אים פריידע
ווי שיין ס׳האָט בעקא אויסגעזען אונטער דער חופּה,
און פון די געסט און פון דער פריילעכקייט — און איצטער אויס.
— לחיים, זאַוול! גאָט זאָל געבן — ווינטשט זי זיך,
און ער קאָן קוים זיך צורירן צום שנאַפּס און לעקעך.
— איז וואָס זשע גייט ער שוין? — ער מוז שוין גיין.
אַ ברודער האָט מען צוגענומען. — טרייסט זי אים:
— אַ שניידער, וועט אים גוט זיין. יאָ, זי ווייסט
פון זעלנער, וועלכע עסן ביי איר יום־טוב.
און בעקא איז שוין דאָרט אַצינד. — אַ גוטע נאַכט!
— אַ גוטן! גייט געזונט! און שיער אַרויס פון זינען:

ס׳האָט בעקא אָנגעזאָגט צו לאָזן גריכן אים.
דער חתן אויך. און זאָל דאַרף נישט זאָרגן —
אַ יונגערמאַן, אַ בעל־מלאכה, קאָן אים גוט זיין דאָרט.
— אַ גוטע נאַכט! — שוין אָפּגעקומען. דאָס שוין אויך.
איצט נעמט עס נאָך אַ וואָך און נאָך עטלעכע טעג
און נאָכדעם אין אַ שנייאיקן פרימאָרגן פירט מען
דעם בחור אין לאַקירטע שטיוועלעך און אויף די אַקסל
פאַרוואָפן אַ באַשליק מיט גאָלדענע זוימען — פירט מען אים
אַוועק אויפן וואָקזאַל. ער מישט זיך אויס מיט אַנדערע,
געזעגנט זיך און נאָכדעם גייט מען שוין צופוס צוריק,
צופוס דעם גאַנצן וועג מיט איציקן און ביילקען אויף דער האַנט.
עס פאַלט אַ שניי. מען שווייגט און שוויגנדיקע קומט מען אָן אַהיים.
ס׳איז נישט געהייצט פון אינדערפרי. איז קאַלט און שטיל.
און ס׳גייט די אַרבעט שטיל און שלעפעריק.
ס׳קומט נאַכט, און זאָל שלעפּט די ברעט אַראָפּ
פון אַלטן שלאָפבאַנק, טראָגט דעם שעניק און די קישן
און לייגט זיך, און ס׳איז קיינער נישט מיט אים.
אַליין, צום ערשטן מאָל אַליין אויפן געלעגער,
און ס׳איז נישטאָ מיט וואָס צו אָנפילן די ליידיקייט
פון דעם, וואָס איז אַוועק. ס׳איז קאַלט און שטיל.

אין יענער שטילקייט האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן דאָס געפיל,
פון וועלכן ס׳איז דער פערז אַרויסגעוואָקסן שפּעטער:
מיין לעבן ציט זיך ווי דער שמאָלער טראָטואַר
ביים זייט פון ברייטן וועג.
נאָר ס׳איז נאָך נישט געוואָרן צייטיק, און צו ענדע ווינטער
האָט זיך פאַרלאָפן נאָך עפּעס, וואָס האָט צערודערט אויף אַ וויילע.
פאַרלאָפן זיך מיט ליזען. ס׳איז געגאַנגען שלעכט
אין שול מיט איר און ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט,
אַז מ׳האָט געלאָזט דעם פאָטער רופן און געעצהט
מען זאָל איר וויניקסטנס ביז איבער דעם עקזאַמען
אַ לערער נעמען אין דער היים. דאָס האָט געצייגט

זיך צו געזעגענען מיט זאַוולען און דער פּירל,
און דאָס האָט זאַוולען איינמאָל אין אַן אָוונט קלאָר געמאַכט
אַליין ר׳ חיים לייב, און פריידע האָט פאַרטייטשט, אַז דאָס איז בלויז
ביז ליזע וועט זיך בעסערן. קאָן זיין – מען האָט געמיינט,
דאָס מיידל אָנשרעקן, נאָר זאַוול האָט זיך נישט געכאַפּט.
פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געהערט און גרייט געווען צו גיין.
נאָר איידער ער האָט זיך אַ הייב געטאָן, איז צוגעפאַלן ליזע
און אויסגעשאָסן אַ געוויין. פון אָנהויב שטיל,
נאָר וואָס אַ ווייל אַלץ ביטערער און יאָמערלעכער,
דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין זיין ברוסט, אים פעסט געהאַלטן,
ביז זי האָט אָנגעהויבן שרייען: – כ׳וויל נישט, ניין!
דאָס איז געווען אַלץ, וואָס מ׳האָט געהערט, און נישט די מוטער
זי נלעטנדיק, און נישט דער פאָטער מיט די שטרענגע רייד
האָט זי געקאָנט אָוועקרייסן. האָט זאַוול שוין אַליין
גענומען גלעטן זי איבערן קאָפּ און אַקסל, איינטענהן
פון לערנען זיך און פון עקזאַמען און פון פאָלגן טאַטע-מאַמע
(פון וואַנען האָבן זיך אַזעלכע רייד צו אים דערנומען ?),
און זי האָט צוגעהערט און כליפּענדיק שוין שטילער
אים אָנגעקוקט אין טרערן און גענומען צוזאָגן,
אַז זי וועט בעסער ווערן – וועט שוין זאַוול זען אַליין!
האָט טאַטע-מאַמע אָנגעקוקט זיך, און ווען ס׳האָט דער פאָטער ווידער
גענומען רעדן, האָט ער שוין געזאָגט: – אָט זעסטו ?
זאָגט זאַוול אויך דאָס זעלביקע. און ער וועט קומען,
אַז דו וועסט בעסער לערנען זיך. – דערמיט האָט זיך געענדיקט,
נאָר זאַוול איז דערנאָך אַרומגעגאַנגען מיט אַ זיסן ווייטאָק
און צערטלעכקייט צו אַלץ, אַז צייטנווייז פלעגט ער אַליין
ביי זיך אין שטוב די טריט זיינע נישט לאָזן הערן
און שפּרייזן שוועבנדיק אַזוי, ווי איבער שפּינוועב.
ביז איינמאָל האָט ער, שווימענדיק אַזוי, זיך אָנגעשלאָגן
אָן טיש ביי זיך אין צימער, האָט דערפילט ווי לעכערלעך
עס איז פאַר אים, אַ נידעריקן, שווערן – שוועבן אָט אַזוי,
און דאַן האָט ער אַ וואָכן צוויי געגנבעט צייט

בײַם טאָטן פֿון דער אַרבעט, ביז עס איז געוואָרן פֿאַרטיק
אַ ראַניעצל פֿאַר ליזעס ביכער, קלײן און שוואַרץ,
מיט קליאַמרעס מעשענע און װײַכע רימענטן.
אודאי האָט זי זיך געפֿרײט. נאָך מער צופֿרידן אָבער
איז ער אַלײן געװען, און אפֿשר נישט אַזױ פֿון ליזען
װי פֿון דעם ציפּאַל, װאָס דאָס ראַניעצל האָט ער געבראַכט
מיט דרײַ טעג פֿריער, אײדער עס איז אָנגעקומען
דער זײַדענער פּיל.-קװײטנדיקער שניפּס פֿון בעקאַן.
און דאָך האָט ער געזאָגט אַ ליגן: האָט געװאַרט דערמיט
אַ גאַנצע װאָך און דאַן אין הױז געקומען און דערצײלט,
אַז דאָס האָט ער ערשט נעכטן מיט דער פּאָסט געקריגן.

ד'אָס אַלץ – און מער האָט קײן זאַך נישט פּאַסירט,
װאָס זאָל פֿאַרבלײַבן אין זכּרון אױף די טעג דערנאָך.
װאָס האָט זיך יאָ פֿאַרלאָפֿן, איז געװען פֿרעמדס
און אָנגערירט פֿאַרבײַגײענדיק בלױז. אַזױ, למשל,
האָט מישא אױפֿגעמאַכט אַ קאַבינעט און אױפֿן טיר
אַ ברעטל אָנגעקלאַפּט, אַז מיטװאָכס און שבתים
װעט ער באַהאַנדלען אָרעמע חולאים פֿאַר אומזיסט.
פֿון משהן איז אַ קלאָגנדיקער בריװ געקומען
פֿון אױסלאַנד שױן, מען זאָל אים שיקן אױף הוצאות
צו פֿאָרן קײן אַמעריקע. אין גאַס צװישן חברים
האָט דער און יענער חתונה געהאַט און איז אַרױס
פֿון אַלטן קרײַז. אין שטוב דער טאַטע האָט אַלץ אָפֿטער
גענומען װאָרטשען, װאָס דער זון, עָרין באַלד אַ דרײַסיקער,
גײט אום אַזױ און טראַכט נישט פֿון קײן תּכלית.
און װײַטער גאָרנישט. טעג אין רימערײַ, און אָװנטן –
אין גאַס אַמאָל מיט עמיצן פֿון די פֿאַרבליבענע חברים,
נאָר אָפֿטער דאָך אין שטוב אַלײן – אַמאָל מיט טינט און פֿעדער
און צײַטנװײַז אױך מיט אַ בוך. נאָך אַלעמען האָט ער געהאַט אַ פּעולה:
און בעקאָס מי איז נישט אַװעק אומזיסט
אַפֿילו אױפֿן פֿרעמדן לשון. ביסלעכװײַז פֿאַרשטאַנען

און אויפן רעשט זיך אָנגעשטויסן. און ס'איז גוט געווען.
אפילו זיך מיט מישאן איינמאָל אויפגערעדט
און אים געקאָנט דערציילן וואָס ער האָט געלייענט.
און דאָס — אַ בוך, די פידל און אַ שמועס ווען עס איז
אין הויז ביי זיי — דאָס איז געווען דער אָפּרו פון די טעג,
וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אַ גרויער שנור.

ראָ, נאָך עפּעס איז פאָרגעקומען דורך דער צייט,
וואָס וואָלט מיט זאָוולען ווייניק וואָס געהאַט צו טאָן,
ווען נישט דאָס ברענגען טאַטע-מאַמע דאָרט אין הויז.
אויב קלעזמער האָבן נישט געשפּילט אין פריידעס הויז,
ווען ס'איז איר אייגן קינד געגאַנגען צו דער חופּה,
האָט זי דערפאַר געזען, זיי זאָלן שפּילן
ביי חיה ריווען אויף דער חתונה, וואָס זי האָט אויסגעריכט
ביי זיך אין הויז. דאָס איז געווען אויפן צווייטן ווינטער.
צוערשט האָט חיה ריווע מיטן חתן זיך אַראָפּגעלאָזט
צו זאָוולס מוטער אים באַווייזן איר משפּחה,
צי אפשר זאָוולען אויסשטעכן די אויגן, נאָר ווען פריידע
האָט צוגעזען, ווי אָפּט עס קומט אַריין אין קיך
דער הויכער יינג אין קעסטלדיקן ראָק און זעלנער-שטעל,
האָט זי געפרעגט, אויב דאָס איז נישט מיט מזל שוין אַ חתן,
און אויב אזוי, וויל זי אַליין די זכיה האָבן
די חתונה צו פראַוועון. חיה ריווע האָט געשיינט,
און זאָוול האָט אין גיכן אָנגעהויבן זען
ווי ס'שפּאַרט אַרויס ביי איר דעם בוזעם און די היפטן
פון יאַקעלעך און קליידלעך, וואָס ער האָט געקענט
ביי פריידן אויף די אַקסל. דאַן האָט זיך אַ נייע דינסט
אין הויז באַוויזן, חיה-ריווע איז אַרומגעגאַנגען פריי
און זיך געפּאָרעט ווי אַ האַלבע באַלעבאָסטע,
און באַלד איז אויך דער צוונט פון דער חתונה געקומען.
דער טאַטע האָט אַרויסגעלאָזט די הויזן פון די שטיוול,
און אָנגעטאָן דעם שבתדיקן ראָק, וואָס האָט געשמעקט

מיט קעראָסין, מיט וועלכן ס'האָט די מאַמע אים געריבן
אַ גאַנצן אינדערטרי. אַליין האָט זי זיך אַלץ געקליגט
דעם אויסגעצייפטן שייטל אויסצולייגן שפּאָרעוודיק
און צוגעדעקט אים מיט אַן אויסגעריבן ויידן טיכל,
וואָס זי האָט, איבערוואַרפנדיק אַ וועלט מיט זאַכן,
אַרויסגעשלעפּט פון קופערט. נאָכדעם האָט מען אָנגעטאָן
די קליינעביילקע מיט די פּייכטע, פריש-געצוואָגענע
און גלאַטע האָר, אַרומגעוויקלט זי מיט אַ פּאַטשיילע,
די לאָדן צוגעמאַכט, אַ שלעסל אויפגעהאָנגען אויפן טיר,
און כאָטש דאָס מיידעלע איז שוין געווען אין זעקסטן יאָר,
האָט זי די מאַמע דאָך גענומען אויף דער האַנט
און מ'איז אַוועק אַזוי: דער ערשטער זאַוול,
נאָך אים דער טאַטע, נאָכדעם איציק און צו לעצט —
די מאַמע מיט דער קליינער אויפן האַנט. ס'איז נאַכט געווען,
אַ וואָלקנדיקע ווינטער-נאַכט, און ס'האָט אַ פּייכטע קעלט
געיאָגט אין האַלז אַריין, און זאַוול האָט געשפּירט כסדר
דעם קעראָסין-גערוך און האָט געוואוסט, אַז ס'איז נישט אמת,
ווייל ס'איז דער טאַטע הינטער אים געגאַנגען און דער ווינט
האָט אים געיאָגט אין פּנים. נו, זאָל זיין אַזוי!
אָט איז דער טאַטע זייגער אין דעם ראָק מיט קעראָסין,
די מאַמע אין דעם אויסגעריבענעם פּאַריק,
זיין ברודער איציק אין מונדיר, פאַר וועלכן ער,
דער רימער, האָט באַצאָלט פון זיינע פיר רובל אַ וואָך,
זיין שוועסטער ביילקע — דאָ זענען זיי אַלע,
און דאָס איז ער אַליין — זיין טאַטנס עלטסטער זון,
דאָס זענען זיי! אַריינגעפירט זיי אין דער גרויסער סאַליע
און זיך אַוועקגעשטעלט אין פראָנט. איז צוגעלאָפן חיה ריווע,
אין ווייסן מיטן שלייער, און אַרומגעכאַפּט די מומע,
האָט ער זיך אָפּגערוקט. געשטאַנען אָן אַ זייט, געקוקט —
ביז פריידע איז אַרויס אין בלויען סאַמעט-קלייד
און גלייך צו אים: — דאָס איז דאָך אייער מוטער, זאַוול?
ערשט דאַן, ווען פריידע מיט דער מאַמען זענען שוין

געזעסן אין אַ ווינקל און גערעדט, ווען בײַלקע האָט געקייט
אַ שטיקל טאָרט פון פריידעס הענט און איציק פון אַ זייט
האָט נאָכגעקוקט מיט שעמעוודיקע אויגן ליזען —
האָט זאָול זיך אַרומגעזען און האָט דערפילט,
אַז כאָטש דער ווייסער קאָכלאויוון גליט
און ס׳ברענט דער גרויסער בליצלאָמפּ — איז דאָ קאַלט
און ס׳איז אומהיימלעך. זיצט דער טאַטע זײַנער
צוזאַמען מיט אַ יידעלע אַ דאַרס מיט לאַנגע פּאות —
דער אײַנציקער, זעט אויס, אַן אײַנגעבעטענער פון חתנס צד —
און לעבן זיי ר׳ חיים לייב און ווייס נישט וואָס צו טאָן.
אַ דריי פּאָר ייִנגען דרייען זיך אַרום און גרייטן זיך
צו טאַנצן מיט די מיידן. צווישן זיי דער חתן,
אַ שעמעוודיקער, אָנגעצויגענער, און קלעזמער גרימפּלען
און ס׳טאַנצט זיך נישט. פּרוווט מישאַ זיך צונויפריידן מיט זיי
און מוז זיך שטילערהייט אַוועקרוקן צו אים,
צו זאָולען. ס׳האַלט שוין בײַ באַדעקנס. וויינט די מאַמע
און פריידע וויינט, און איבער אַלע חיה־ריווע,
און ווען דער חתן דרייט זיך שוין אונטער דער חופּה,
זעט זאָול, אַז די זאַכן זענען ענג אויף אים —
געליענע, זעט אויס. מען זעצט זיך אַרום טיש.
ער שפּירט דעם טאַטנס ראָק און ס׳פלאַכט דאָס פּנים,
נאָר קיינער קרימט זיך נישט — מסתמא דאַכט זיך בלויז
און ווייטער גאָרנישט. ענדלעך זוכט מען די פּאַטשיילע
און בײַלקע ווערט אַרומגעוויקלט. פריידע שטייט בײַם טיר
און מישא און די קליינע ליזע — אַלע גוט און ליב —
און אַז מען גייט אַרויס, ווערט זאַוולען אַזוי לײַכט,
אַז ער גייט צו און נעמט אַרונטער פון דער מאַמעס הענט
דאָס שלאָפנדיקע שוועסטערל און טראָגט זי ביזן שטוב.

די סדרה חיה ריווע אָבער האָט זיך נאָכנישט אויסגעלאָזט
אין אָוונט פון דער חתונה. אַ פּאָר חדשים שפּעטער
איז זי אַרײַן מיט אַ יללה, אַז מען האָט דעם מאַן,

וואָס האָט געזאָלט אַ סטאָליאַר זיין, פאַרנומען אין אָסטראָג.
אַרויס איז ער אַרום ימים-נוראים-צייט, ווען חיה ריווע
האָט זיך געגרייט אין קימפעט, און אַ ווייַלע פאַר כּל-נדרי,
ווען ביידע זענען זיך געקומען ווינטשן אַ גוט יאָר,
האָט זאַוולס טאַטע שטיל געזאָגט צום יונגנמאַן:
— זאָל גאָט אייך צושיקן אַ בעסערע פּרנסה.
דערביי האָט חיה ריווע זיך צעיאָמערט אויפן קול,
נאָר אין אַ חודש נאָכן ברית האָט מען דעם מאַן
שוין ווידער איינגעזעצט. עס איז געווען אַ משפט
און ס'האָט געהייסן, אַז ער זיצט שוין רעכט. האָט חיה ריווע
דאָס קינד אָוועקגעגעבן ערגעץ און אַליין זיך אָנגעדונגען
צו פרעמדע פאַר אַן אַם. פלעגט קומען ווען עס איז
דעם קאָפּ פאַרוויינען און דורך טרערן צישען ביז
אין זאַוולס ווינקל. פלעגט ער זיך אַרויסדרייען
און אָפּטראָגן פון שטוב. אַרויס אין גאַס אַריין,
גיין טריט ביי טריט, און אַז די טריט האָבן געקלאַפּט
אויף פּוסטע שמאָלע ברעטלעך, האָט עס נאָכגעקלאַפּט:

מיין לעבן ציט זיך ווי דער שמאָלער טראָטואַר
ביים זייט פון ברייטן וועג. —